# האַרבסט

סעפּטעמבער. דער ציגיינער און די נאַכטיגאַל
ווייסן זיך נישט וואו אַהינצוטאָן.

אַ לבנה-גייער שלאָפט ביים קילן טייך
פון אַלע חלומות אויסגעטאָן.

אָפעליאַ, קראַנקע אָפעליאַ!

די מידקייט אין אַ זיידן שפּיצן-העמד
גלעט מיט די פינגער דאָס גראָע טאַל,

זי גלעט און זאָגט שפּרוכן און זי וועקט
דאָס בלאָע וואונדער פון אַמאָל.

אָפעליאַ, קראַנקע אָפעליאַ!

די גרינע אויגן פון דער סעפּטעמבער-נאַכט
קוקן מיד דורך אַלע שויבן אָן.

אין די אויגן — געוויין פון ווילדע קעץ.
וואָס גייען אונז די דאָזיקע אויגן אָן?

לאָמיר אַנטלויפֿן! וואו אַנטלויפֿט מען, וואו?
דער בלינדער לאָמטערן שטייט און וואַכט,
און די טירן און פֿענסטער זענען צו —

טו תשובה, אָפעליאַ!

פֿון אַלאַדינס בלאָען כּישוף־לאָמטער
האָט זיך דאָס וואונדער אָפּגעטאָן,

און דער ציגײַנער און די נאַכטיגאַל
ווייסן זיך נישט וואו אַהינצוטאָן —

און איציק מאַנגער שלאָפֿט אויפֿן הארטן דיל
פֿון אַלע חלומות אויסגעטאָן.